# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

The New York Yiddish Press and The Province / Di Nyu Yorker Yidishe Prese Un Di Provints

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/3xz894wv

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Author

Friedland / Fridland, I. / Y.

### Publication Date

1953

### Copyright Information

Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# די ניו-יאָרקער יידישע פּרעסע און די פּראָווינץ

פון י. פרידלאַנד



טראַכט מען איצט אין די טערמינען פון אַ יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, מוז מען אנערקענען דעם פאַקט, אַז מחוץ ניו יאָרק איז איצט כמעט ווי ניט פאַראַן מער קיין שום יידישע צייטונגס-אויסגאַבן אין גאַנץ צפון אַמעריקע.

ערשט, בערך, מיט 5-6 יאָר צוריק, איז נאָך דאָ און דאָרטן, אין די גרעסערע יידישע ישובים, דערשינען יידישע וואָכנבלעטער און אפילו טאָג-צייטונגען, ווי צום ביישפּיל: „יידישע וועלט" אין פילאַדעלפיע, „די יידישע אַרבעטער-וועלט" אין שיקאַגע, „דער טעגלעכער קוריער" אין שיקאַגע, „די יידישע וועלט" אין קליוולאַנד, די היגע „קאַליפאָרניער יידישע שטימע" און אַנדערע. אַט-די אַלע דערמאָנטע פּראָווינץ-צייטונגען זיינען שוין לײדער אייניקע אויפן עולם האמת, און אַנדערע זיינען סתם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידיש-ענגלישע אויסגאַבן, אַ שמץ פון אַ יידיש וואָרט אפילו. אויב אַ ייד פון דער פּראָווינץ וויל נאָך לייענען אַ יידישע צייטונג, מוז ער באַטירלעך אָנקומען צו די צוויי ניו-יאָרקער צייטונגען „טאָג-מאָרגן-זשורנאַל" און „פאָרווערטס". אמת, אַט-די ביידע גרעסטע יידישע צייטונגען גיבן טאַקע דעם לייענער דאָס בעסטע וואָס זייערע מיטאַרבעטער שטעלן זיי צו: הן נייעס, הן פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרטיקלען, און ניט נאָר דאָס: ביידע צייטונגען זוכן נאָכטאָן און איבעריאָגן איינ… די אַנדערע אין כלערליי סענסאַציעס, טשיקאַוועקייטן וכדומה, כדי צו כאַפּ… פאַרשטייט זיך, דעם לייענער. און ס'איז נאַטירלעך: קאָנקורענציע! וואָס … מען ניט צוליב געשעפט?

דער דורכשניט לייענער אָבער מוז אויך זיין אופן צופרידן זיין, מחמת … צייטונג איז דאָך, היינט-צו-טאָג, געוואָרן זיין איינציקער מקור פון יידיש… אינפאָרמאַציע און ביים רוב מנין ורוב בנין פאַרנעמט איצט די צייטונג … אָרט פון בוך.

איז אפשר טאַקע ליגט אין דעם דער סוד פון דער פּראָבלעם, וואָס אַז… גרויסע יידישע ישובים, ווי שיקאַגע, קליוולאַנד, דעטראָיט, פילאַדעלפיע … לאָס אַנגעלעס, האָבן מער נישט קיין גינסטיקן באָדן פאַר אייגענע יידישע צייטונגס-אויסגאַבן, און מוזן זיך, בכן, באַנוגענען מיט דער ניו יאָרקער ייד… פּרעסע?

מיר האבן שוין אנגעוויזן אין לעצטן נומער „חשבון" וועגן דעם מצב פון יידישן צייטונגס-וועזן אין דער פראווינץ; נעמלעך: אזא גרויסער יידישער ישוב ווי לאס אנגעלעס, מיט א יידנשאפט פון קרוב צו 350 טויזנט און א מהלך פון 33 הונדערט מייל פון צענטער ניו-יארק, זאל זיך נישט פארגינען צו האבן אן אייגענע יידישע וואכנשריפט? און דאס אייגענע קען דאך געזאגט ווערן וועגן די אנדערע דערמאנטע יידישע ישובים. דארפן מיר עס פארשטיין, אז ס'איז ניט בלויז דער גוטער ווילן און עקשנות וואס ס'פעלט ביי די פירנדיקע יידישע קולטור-עסקנים; ס'איז מער ווי דאס! ס'איז א פיל טיפערע סיבה, א סיבה וואס ווארצלט אין דער אומבאהאלפנקייט פון צו קענען גיין קעגן שטראם פון דער צייט, און מ'וויל זיך מער האלטן אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאנד. מ'האט פאר-לארן דעם בטחון אין דער מעגלעכער אויסהאלטונג פון א לאקאלער צייטונג; צו וואס גאר אינגאנצן מאכן א פארזוך, אז מע ווייסט לכתחילה פון דערפארונג, אז זי וועט פארורטיילט ווערן צו קיצור ימים? דעריבער האט זיך געשאפן אזא צושטאנד, אז מ'האט שוין אפילו אויפגעהערט צו טראכטן וועגן ענין פרעסע; מ'האט שלום געמאכט מיט דער געשאפענער לאגע און אויפגעגעבן יעדע האפענונג.

איז האבנדיק זיך געשאפן אזא מצב אין דער יידישער פראווינץ אין אמע-ריקע, אז די צוויי גרויסע יידישע טאג-צייטונגען: „פארווערטס" און „טאג-מארגן-זשורנאל", זיינען געבליבן די איינציקע אויף דעם געביט פון דעם יידישן צייטונגס-וועזן אין צפון-אמעריקע, און אז נאר זיי זיינען איצט די איינציקע שליחי-ציבור און אינפארמאטארס פאר דעם גאנצן יידיש לייענענדיקן עולם — פרעגט זיך, צי דערפילן זיי, אט-די צוויי יידישע טאג-צייטונגען אין ניו-יארק, אט-די גרויסע אחריותדיקע שליחות לגבי דער פראווינץ?

א י ך  ה א ל ט  א ז  נ י ט.

לויט דעם ווי די צייטונגען אין ניו-יארק ווערן טעכניש געדרוקט, צוליב עקאנאמיע, פארשטייט זיך, נעמלעך: א ספעציעלע זייט וועגן יידיש געזעלשאפט-לעכן קולטור-לעבן פאר דער קאנסומציע פון דעם פראווינץ-לייענער בלויז, און א ספעציעלע זייט פון קולטור-געזעלשאפטלעכע ידיעות פאר דעם ניו-יארקער לייענער, וואס דער פראווינץ לייענער ווייסט פון דעם לחלוטין ניט, אזוי, אז וואס שייך אינפארמאציע מכוח יידישע געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע פאסירונגען און דערשיינונגען סיי אין ניו-יארק און סיי אין די פראווינץ-שטעט, ווייסן זיי ניט וואס עס קומט פאר איינע ביי די אנדערע. ביידע זיינען הערמעטיש פארשלאסן איינע פאר דער צווייטער.

איז אויב די ניו-יארקער פרעסע איז שוין יא געווארן דער איינציקער קוואל פון יידישער אינפארמאציע פאר דעם יידישן לייענער אין אמעריקע, טא ווארום ...ט דערציילן דעם ניו-יארקער לייענער מכוח די קולטור שעפערישע טואונגען ...ון דער פראווינץ? און דאס אייגענע דערציילן פאר די פראווינץ-לייענער, וואס ...-יארק טוט אויף דעם געביט, וועט די פראווינץ אפשר לערנען א מוסר-השכל ...ן דעם גרויסן ניו-יארק, און... אפשר, זאל מיר גאט ניט שטראפן פאר די רייד:

אפשר וועט ניו־יאָרק עפּעס אויך לערנען פון דער „אָרעמער" פּראָווינץ?

ווארום טאַקע זאָל די איינציקע יידישע פּרעסע וואָס מיר האָבן איצט אין ניו־יאָרק ניט דערגאַנצן איר וויכטיקע אויפגאַבע; באַקענען איין ישוב מיט דעם אַנדערן, מיט זייערע טואונגען און דערגרייכונגען, און אויף אַזאַ אופן לערנען איינע פון דער צווייטער?

אמת, די פּרעסע שטעלט טאַקע צו דער פּראָווינץ די זעלביקע „פּיטשור" אַרטיקלען, ראָמאַנען, ליטעראַטור, קריטיק, וכדומה, וואָס ניו־יאָרק; אָבער דעם געזעלשאַפטלעך קולטורעלן פּרצוף־פּנים פון ניו־יאָרק איז לחלוטין פרעמד דער פּראָווינץ, און די פּראָווינץ מיט אירע פּראָבלעמען איז פרעמד ניו־יאָרק.

לאָמיר דאָ ברענגען אַ פּאָר קאָנקרעטע ביישפּילן: וואָס ווייסט, למשל, דער יידישער קולטור פאַראינטערעסירטער לייענער אין ניו־יאָרק פון דעם לאָס אַנגעלעסער יידיש געזעלשאַפטלעך קולטור־לעבן? ווייסט ער אַז ס'איז פאַראַן אַ יידישער קולטור־קלוב? וואָס עקזיסטירט שוין 27 יאָר, און פירט אָן אַ קולטור טעטיקייט, וואָך איין, וואָך אויס, און וואו הונדערטער מענטשן קומען אַהינצו און האָבן הנאה פון יידישן גערעדטן וואָרט, יידישע רעפעראַטן, פון יידיש געזונגענעם ליד, א.אַז.וו.? (זע די רשימה פון קולטור־אָוונטן ביים קולטור־קלוב). ווייסט דער יידיש פאַראינטערעסירטער לייענער אין ניו־יאָרק, אַז ל. א. האָט אַ פאַראייניקטע יידישע מיטלשול, וואָס יעדן זמן גראַדואירן אַ צאָל יוגנטלעכע מיט יידיש דענקען און וויסן; אָדער אַ יידיש קינדער־טעאַטער, וואָס איז אַ יחיד במינו לעת־עתה אין אַמעריקע? אַ יידישער שול־וועזן, אַ ייוו"א קאָמיטעט, און אפילו דער פאַרזוך און עקספּירימענט פון מאָריס שוואַרץ אויף דעם געביט פון יידיש־ענגליש טעאַטער, און וואָס האָט אַגב צוגעצויגן אַ היפּשע צאָל פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָבן דורך דעם די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיטן יידישן לעבן, איז אויך אַ וויכטיקער ענין וואָס די ניו־יאָרקער יידישע לייענער וואָלטן געמעגט וויסן. און צענדליקע אַנדערע וויכטיקע קולטור־שעפערישע טעטיקייטן און דערשיינונגען, וואָס ס'איז פאַר דעם ניו־יאָרקער לייענער לגמרי פרעמד — פאַרשוויגן. און, ווי געזאָגט, אין די פּראָווינץ־שטעט ווייסן מיר פונקט אַזוי ווייניק, וואָס ס'ווערט געטאָן אויף דעם געביט אין ניו־יאָרק.

ווען איך האָב מכוח דעם ענין אויפמערקזאַם געמאַכט אַ צאָל היגע קולטור־טוער, און זיי אָנגעוויזן אויף אָט־דעם מאָדנעם פאַנאַנדערגעטיילטן איינפיר ביי דער יידישער פּרעסע, די אָפּגעזונדערטקייט צווישן ניו־יאָרק און דער פּראָווינץ, זיינען מיינע צוהערער געוואַלדיק איבערראַשט געוואָרן. זיי זיינען געווען אונטערן איינדרוק, ווי איך, אַז דאָס ביסעלע מאָגערע, אָפּט פאַרשפּעטיקטע ביסל נייעס, וואָס דערשיינט אויף אַ ספּעציעלער זייט פון און פאַר דער פּראָווינץ, איז אויך גלייכצייטיק פאַר דער קאָנסומציע פון דעם ניו־יאָרקער לייענער!?

אומזיסט איז געווען מיין טרחה, זייענדיק אין ניו־יאָרק, צו זוכן עפּעס אַ שטיקעלע ידיעה אין די ניו־יאָרקער אויסגאַבן פון „טאָג" און „פאָרווערטס" וועגן אונדזער אַקטיוויזירטער יידישער לאָס־אַנגעלעס. וואָס כ'האָב יאָ געפונען דאָרטן וועגן לאָס אַנגעלעס — סענסאַציאָנעלע נייעס, מאָרד, און סעקס פּאַסירונגען וכדומה. אָבער וועגן יידיש געזעלשאַפטלעך קולטור־לעבן איז אַ וואָרט ניט געווען בנימצא.

כ'האָב אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע טענות צו דער יידישער פּרעסע, כדי דער פּאַראינטערעסירטער לייענער זאָל זיך באַקענען מיט דעם ענין. הגם ס'איז אפילו נישט קיין נייעס אַז די פּראָווינץ-יידן האָבן אויך אויסזעצונגען און טענות צו דער פירערשאַפט אין ניו-יאָרק, פאַר זייער באַציאונג צו איר.

דעם תמצית פון די טענות פון די פּראָווינץ-יידן צו ניו-יאָרק האָט אַמאָל זייער טרעפלעך איבערגעגעבן אין „טאָג" מרדכי דאַנציס ע"ה: „איר, ניו-יאָרקער, קוקט אויף אונדז יידן פון די קלענערע ישובים. ווי אויף „יאַקעלס". איר שיקט אונדז אייערע משולחים פון די הונדערט און איין אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און אינסטיטוציעס, וואָס איר פאַרמאָגט, אַז מיר זאָלן אייך געבן געלט. נו, קומט אייערער אַ רעדנער, האַלט פאַר אונדז דרשות, כאַפּט אַריין אַ באַנקעט, זאַמלט צונויף די אַפּותיקאַ—און דערמיט ענדיקט זיך עס. דער משולח פאָרט אַוועק, אָפּט אָן אַ זיי-געזונט—אַבי געקראָגן די טאָלערס און—פּטור."

כ'האָב אַרויסגעבראַכט אויך די טענה צו ניו-יאָרק פון די פּראָווינץ-יידן, מחמת ס'האָט אַ גאַר נאָענטע שייכות צום ענין יידישע פּרעסע, וואָס כ'האָב באַרירט.

דער היוצא מדברינו איז, אַז די גרעסערע יידישע ישובים, ווי לאָס-אַנגעלעס וכדומה, וועלכע באַטראַכטן זיך, אַגב, נאָך אַלץ אַלס פּראָווינץ-שטעט, וואָלטן ענדלעך געדאַרפט זיך שטעלן מיטן פּנים צו זיך, זיך באַפרייען פון דער אַזוי-גערופענער העגעמאָניע פון צענטער—ניו-יאָרק, און ווערן זעלבסטשטענדיק אין זייער דענקען און האַנדלען. די פּראָווינץ דאַרף אַרויסרופן ביי זיך אייגענע איניציאַטיוו אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע געביטן, און אויפבויען ראשית כל, אירע אייגענע וויכטיקע אינסטיטוציעס און קולטור-אנשטאַלטן. זי דאַרף זיך באַמיען צו דערהויבן דעם אייגענעם קולטור-מצב מיט אַ סך חשיבות און מיט מער אחריות, מחמת ניט די ניו-יאָרקער פּרעסע און ניט די צענטראַלע יידישע באַוועגונגען קענען פאַר אַזאַ שטאָט ווי לאָס-אַנגעלעס, וועלכע איז אַ היבשער מרחק פון צענטער ניו-יאָרק—ממשות דעצידירנדיק עפּעס טאָן.

לאָס אַנגעלעס דאַרף דאָך געפינען אַ וועג און אַ מיטל ווי זיך רעהאַביליטירן אויף דעם געביט פון צייטונגס-וועזן. אין דער ערשטער ריי שאַפן אַן אַפּאַראַט פאַר דער אויסגאַבע פון אַן אייגענער אינפאָרמאַטיווער וואָכנשריפט, וועלכע זאָל דינען די אינטערעסן פון גאַנצן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן יידנטום.

אמת, „חשבון" טוט עס מער-ווינציקער, איינמאָל אַ יאָר. אויף די זייטלעך פון דעם זשורנאַל ווערט באַלויכטן און אָפּגעשפּיגלט ביז אַ געוויסן גראַד דאָס היגע קולטור-שעפערישע לעבן.

איז עס דען גענוג? — זיכער נישט!

אַ יישר-כוח, פונדעסטוועגן, קומט דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב פאַר דאָס ביסל וואָס „חשבון" ברענגט. אָן דעם וואָלטן מיר גאָר געוועזן טויט-פאַרשוויגן.